פרייז 25 גראשען דריטער יאהרגאנג "Należytość pocztowa uiszczono ryczałtem" „RADOMER-KIELCER LEBEN" № 30 (118)

# ראדאמער-קעלצער לעבען


היינט 10 זייטען.

אדרעסען:

פון „ראדאמער קעלצער לעבען"

אין ראדאם

Redakcja i Administracja
**„Radomer Kielcer Leben"**
Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ

Redakcja i Administracja
**„Radomer-Kielcer Leben"**
Kielce, Staro-Warszawska 34.

אנאנסען פרייזן:

אין מילימעטער שורה: פאר'ן טעקסט 20 גר.
„ 40 „ אין „ „ „ „
„ 18 „ נאכ'ן „ „
די ערשטע זייט ענטהאלט 8 שפאלטען
אין טעקסט אין לעצטע זייט 4 „

ראדאם פרייטאג י"ב מנחם אב תרפ"ו ◆◆ פאר'ן אינהאלט און טעקסט פון די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך ◆◆ 23-go lipca 1926 roku


*Głęboko wzruszeni przedwczesną śmiercią ukochanego kolegi b. p.*

MARKA TEMERSONA,

*wyrażamy stroskanej matce i rodzeństwu współczucie.*

**WAJL, TAJCHMAN, GOLDBERG, TANDETNIK, HELCMAN.**

---

**Zakłady Przemysłowe**
Pierwszej Spółki Garbarskiej
„NOWOŚĆ" w Radomiu
Sp. Akc.

*Niniejszym komunikują, że bocznica przy ul. Lubelskiej Nr. 100, oraz składy Warrantowe zostały uruchomione.*

**Przyjmujemy na skład wszelkiego rodzaju towary, jak również załatwiamy wszystkie czynności, związane z ekspedycją w kraju i zagranicę.**

Uprzejmie prosimy o skierowywanie do nas towarów, adresując na liście przewozowym: **Bocznica Garbarni „NOWOŚĆ" – Radom.**

Poczta Radom, Lubelska № 100
Telefon № 300.

---

כשר




פערלאנגט אומעטום
נור

„פאטאקאל"

ווייל „פאטאקאל"
איז די בעסטע און בילינסטע

קאקאס-פוטער

כשר



---

## טעאטער „ראזמאיטאשטשי" טעאטער.

חברים-טרופע פון יודישען ארטיסטען-פעראיין — ווייטערדיגע גאסטראלען!
מיט'ן אנסאמבל פון: זאריצקא, שפילמאן, סעגאל, מאכאראווסקא.
מענער: פעלד, באלבירסקי, מאכאראווסקי, גוטמאן, שיינער, לאקס.

**פרעמיערע! צום ערשטען מאל אין ראדאם! פרעמיערע!**

שבת דעם 24 יולי 8.45 אוונט ווערט געשפילט צום ערשטען מאל דער שלאגער פון ווארשאווער יודישען טעאטער.

## שא, שא, די מוהמע גייט

אפערעטע אין 3 אקטען מיט 15 נומערען געזאנג און טאנץ

זונטאג דעם 25-טען יולי 8.45 אוונט ווערט געשפילט די שוין זעהר לאנג נישט געשפילטע מעלאדישע אפערעטע.

## „שיר השירים"

אפערעטע אין 4 אקטען פון שאר

דינסטאג דעם 27-טען 8.45 אוונט

פון 60 ביז 2 זל.

## די פרוי וואס האט דערהרג'עט

פון 50 ביז 150 נאר 1 פאלקס פארשטעלונג פון 50 ביז 150

מיטוואך דעם 28-טען 8.45 אוונט צום 2-טען מאל די בעליבטע אפערעטע מיט געזאנג און טאנץ.

## משה מלמד

בילעטען קען מען פריהער בעקומען אין טראפיק פון ה' ציטערבלאט, לובלינער 9 און אין טאג פון פארשטעלונג ביי דער קאסע פון טעאטער.

געשאפטספיהרער ליטעראטור ספיעלער לאקס רעזשיסער ר. מאכאראווסקי

---

## בעקאנטמאכונג.

די פאפיער-פאבריק „ראדאמיאנקא" דלוגא 15 (פריהער פראנצישעק יאבלאנסקי) איז איבערגעגאנגען אלס אייגענטהום צו

## שלמה גאטליעב

די פאבריק ארבייט היינט אויס פון דעסקאלירט וואסער — לעמאניאדא.

---

## די זומער-קאלאניע פון ראדאמער „טאז" אין גארבאטקע

די פערוואלטונג פון דער ראדאמער אבטיילונג פון דער געזעלשאפט „טאז" מאכט בעקאנט, אז דער 3-טער סעזאהן פון דער זומער-קאלאניע פאר שול-קינדער אין גארבאטקע הויבט זיך אן דעם 11 אויגוסט ה. י. איינשרייבען קינדער קען מען ביז דעם 30-טען יולי ה. י. ביים ה' ד"ר פאמראק, לובלינער 58, יעדען טאג פון 5 ביז 6 אוונט.

בעמערקונג! נאך דעם 30-טען יולי וועלען קיינע פערשרייבונגען בעשטימט מעהר נישט פארקומען!

צוזאגענדיג א ויכערע שטיצע מצד די אמעריקאנער געלדער, דער קאמי־טעט, וועלכער וועט רעפרעזענטירען אלע שיכטען פון דער יודישער בע־פעלקערונג און וועט ארויפוייזען א אינטענסיווע טעטיגקייט.

ער שלאגט פאר צו גרינדען דעם רעטונג'ס—קאמיטעט, אין וועלכען עס זאלען נעמען א אנטייל די אלע אנוועזענדע און באלד אויפ'ן ארט צו שאַפען די נויטיגע סומען מיט וועלכער מען זאל שוין קענען צוטרעטען צו דער הילפ'ס-אקציע.

נאכ'ן רעפעראט נעמען דאס ווארט כמעט אלע אנוועזענדע, וועלכע זאגען זיך ארויס אין דעם זין און לע־גען פאר צו וועהלען א קאמיטעט, וועלכער זאל בעשטעהן פון 20 פער־זאן.

נאכ'ן רעפעראט איז פארגעקומען א דיסקוסיע, אין וועלכער עס האבען זיך בעטייליגט אלע אנוועזענדע, וועל־כע האבען זיך ארויסגעזאגט פאר דער דר־נגלעכקייט פון דער אינסטיטוציע און בעשלאסען צו וועהלען א קאמי־טעט, וועלכער זאלען בעשטעהן פון 20 פערזאן.

צווישען אנדערע איז אנגענומען גע־ווארען: 1) צו בעשטייערען יעדען יו־דישען איינוואוינער מיט 10 גראשען א וואך פון יעדען צומער. 2) צו נע־מען פון יעדען פערמעגליכען אין פארם פון א הלואה א געוויסע סומע צו שאפען דעם נויטיגען קאפיטאל.

דער פארזיצענדער ווענדעט זיך צו די פערזאמעלטע, אז מען זאל נישט קוקען אויף דער שפעטער שעה און צוטרעטען אויסצוועהלען דעם קאמי־טעט.

פון די צוויי אריינגעטראגענע ליס־טעס זענען אויסגעוועהלט געווארען מיט א גרויסער מעהרהייט די פאל־גענדע פערזאנען: י. מ. רייזמאן, ד"ר לעווינזאן, ד"ר פלעשלער, א. סער־ווענטניק, ה' לעווי, ז. הערמאן, א. ב. אייזענבערג, א. מאנעס, י. בער, י. שטיינמאן, ה. גרינפלאס, מ. שפיגעל־גלאס, ה. ראזענקראנץ, מ. ד. אייזענ־בערג, ק. פישמאן, מ. זייפמאן, א ראזענבלום, י. קליינמאן, י. פינקלער און מ. וואלדבערג.

דער פארזיצענדער דאנק די פערזא־מעלטע, צוזאגענדיג זיין ענערגישע מיטארבייט, ווינשט ערפאלג דעם ניי געשאפענעם קאמיטעט און שליסט די פערזאמלונג.

## א בריעף אין רעדאקציע.

זעהר חשוב'ער ה' רעדאקטאר!

אין צוזאמענהאנג מיט דער דיסקוס־יע, וואס האט זיך אנטוויקעלט אויף די שפאלטען פון אייער ווערטער צייטונג (№ 26—27) וועלכער האט אויך אנגערירט די געזעלשאפט „לינת-הצדק"— ערלויבט אונז ה' רעדאקטאר צו גע־בען דער ברייטער געזעלשאפט כער מיינונג אין קעלץ די מעגליכקייט צו בעקאנען זיך מיט די בערירטע פראגען פונם שטאנדפונקט פון אונזער גע־זעלשאפטליכער פילאנטראפיע און ריי־נעם אמת.

די דאקטוירים: זילבערשלאג און שאטץ בעהויפטען, אז דער היגער דאקטוירים פעריבאנד האט אויסגערופען א חבר'ישען און פראפעסיאנעלען בויקאט אויף אלע דאקטוירים, וואס נעמען אנטייל אין אמבולאטאריום פון דער געזעלשאפט „לינת-הצדק" דאס איז נישט אמת. דעם בעשלוס וועגען בויקאט האט אנגענומען נישט דער דאקטוירים פעראיין אלס א וועלכער, נאר די דאקטוירים צווישען זיך אליין. אויפן פריוואטען שטייגער.

אין נאמען פון דער געזעלשאפט „לינת-הצדק" אין קעלץ

פארזיצענדער (—) ד"ר פעלץ

קעלץ דעם 25/7 6

### בעמערקונג פון רעדאקציע.

בעקענענדיג זיך מיט'ן אינהאלט פון דער צווייטע העלפט בריעף, זע־הען מיר בולט ארויס, אז דער גאנצער סכסוך שטייט אויף אנ'ענגען פערזענ־ליכען בארען און שטיצט זיך בעיק־ר אויף טענדעציעזע אמביציעס, וועלכע זענען אויסען צו פערשאפען בייז בלוט און פערשארפען די געגענזייטיגע בע־ציהונגען צווישען יחידים און אנפר־קענענדיג, אז דאס האמעוועט דעם גאנצען געזעלשאפטליכען וואוקס פון אידישען לעבען, און די צייטונג, אלס אלס אנ'ארגאן, וועמענס אויפגאבען ס'זענען הויפטזעכליך צו מאדיפיצירען דאס געזעלשאפטליכע לעבען אין די ראהמען פון עטיק. שלום און הארמא־ניע, האט די רעדאקציע, נעמענדיג דאס אלץ אין אכט, בעשלאסען אריבער צו גיין איבער דעם צו-דראסטישען ענין צו דעם טאג - ארדנונג, גלויבענדיג, אז אזוי נאך וועט די פראגע ממילא פון זיך אליין אייגעשטעפט ווערען און וועט סוף כל סוף אין כבוד און אינטערעס פון ביידע צדדים אליין ליקווידירט ווערען.

מיר פון אונזער זייט וועלען זיך צו דעם ענין שוין מעהר נישט אומ־קעהרען.

אין נאמען

פון „ראדאמער-קעלצער לעבען"

רעדאקטאר (—) מאיר הערץ.

### פון קעלצער „טשארי".

אין קינא „טשארי", וואס איז ערשט נישט לאנג ערעפענט געווארען, ווערען לעצטענס געגעבען די שענסטע ביל־דער פון סעזאהן.

ס'איז אויך כדאי צו בעמערקען, אז דער דירעקטאר פון „טשארי", ה' ביעלסקי. איז זעהר א גאסטפריינדלי־כער מענש, און די בעזוכענדע קלי־ענטעלע ווערט דורך איהם בעהאנדעלט זעהר טימפאטיש און זארגפעלטיג.

### פערזענליכעס.

די היגע איינוואוינערין פר"ל פראַ־ניע אייזענבערג האט בעקומען אויף דעם ווילנער אוניווערזיטעט דעם טי־טול דאקטאר-מעדעצין.

### א בעראטונג פון די נאציאנאלע פראקציע אין דער קהלה.

פאריגען שבת, איז אין לאקאל פון דער קהלה פארגעקומען א בעראטונג פון דער נאציאנאלער פראקציע אין דער קהלה, ווי: ציונים, מזרחים, האנד־ווערקער און פערבטטענע פערזאנען פון די אויבענדערמאנטע ארגאניזאצ־יעס. אויפ'ן טאג—ארדנונג זענען גע־שטאנען פערשידענע וויכטיגע קהלה־פראגען. מכח די וויטערדיגע ארבייט אין דער קהלה. צווישען אנדערען איז אויך געוועהלט געווארען א פאלי־טישע קאמיסיע פון 7 פערזאן, וועל־כע זאל זיך פערנעמען מיט אלע נא־ציאנאל-פאליטישע פראגען אין אונזער שטאדט. די טעג זאל אויך שוין ענט־גילטיג ערלעדיגט ווערען דער ענין פון מאנדאט אין דער קהלה-פערוואל־טונג אויפ'ן ארט פון ה' איני. זיעלינ־סקי, וועלכער איזט היינט אין ארץ-ישראל.

### אנ'ענטפער דעם קעלצער סוחרים-פעראיין.

מיט אייער נאטיץ וועגען דעם רע־טונג'ס-קאמיטעט דארפט איהר זיך פריי־הער ווענדען צום קעלצער קאלפ־גיום און וועמענס קאמפעטענץ ס'ליגט דער צוזאמענשטעל פון קעלצער אב־טיילונג.

רעדאקציע-קאלעגיום אין ראדאם.

SKŁADY TOWAROWE

# A. Zagajski i S-wie

**w KIELCACH, ul. Karczowska 9, telefon № 5.**

**magazynują:**

w swoich nowowybudowanych magazynach wszelkie towary na dogodnych warunkach.

„DYNAMO"

**Kielce, ul. Sienkiewicza 61.**

**Instalacje Elektryczne**

**siły i światła, z przyłączeniem do sieci Elektrowni Kieleckiej, także**

**INSTALACJE fabryk, tartaków, młynów etc.**

**Przewijanie Motorów i Dynamo-Maszyn:**

sprzedaż żarówek i innych materjałów elektrotechnicznych.

*Po cenach konkurencyjnych.*

ה. גרינשטיין, פעלטשער, טעל. 303 פרישע פאקען.

Redaktor i Wydawca Ch. M. Herc

Odbito we własnej drukarni, Radom, Szwarlikowska 20.